גליון מיוחד
בעניני אתרוגים

# הכשרות

אינפארמאציע, ידיעות און הוראות
בכל עניני כשרות המאכלים

בהשגחת



השגחה אויף
יאנאווע אתרוגים



דבר הלכה
אתרוגים בלי פיטמאות



וויאזוי קויפט
מען ד' מינים?



פראקטישע
אנווייזונגען

## דבר המערכת

### תחל שנה וברכותיה

איז דער תפלה וואס גאנץ כלל ישראל בעט נאכאנאנד דורכאויס די הייליגע טעג, די ימים נוראים וואס זענען געגעבן געווארן צו מתפלל זיין און אויסבעטן א לעכטיג פרייליך יאר. אבער נישט בלויז פאר גשמיות איז מען מתפלל, נאר באזונדער גיסט מען זיך אויס דאס הארץ און מ'בעט אז מ'זאל קענען מקיים זיין דעם רצון השם גרינגערהייט, און טון בלויז וואס דער תורה לאזט.

איינס פון די זאכן אויף וואס עס פעלט זיך ווירקליך אויס א איבריגע זהירות, און באזונדער א גאר גרויסע סייעתא דשמיא, איז ביי דעם ענין פון כשרות. דאס רעכנט אריין סיי זאכן וואס האבן מיט עסן, וואס איז דער יסוד פון יראת שמים, ווי עס איז באקאנט די ווערטער פונעם אור החיים הקדוש אויף דעם פסוק 'אל תשקצו את נפשותיכם' (שמיני יא, מג), וועלכער שרייבט אז דאס איז אפילו אויב מ'עסט מאכלות אסורות בשוגג. און באזונדע פעלט זיך עס אויס צו קענען מקיים זיין פילע מצוות אויף א הונדערט פראצענטיגער אופן, דאס זענען דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהם, נישט ווייל מ'וויל, נאר פשוט מחסרון ידיעה. מענטשן זענען נישט באהאווענט מיט די ענינים, און דאס ברענגט אז מ'זאל נישט אכט געבן אויף פארשידענע זאכן וואס מ'ברויך יא מקפיד זיין.

### השגחה אויף ד' מינים

איינס פון די זאכן ווי דאס ווייזט זיך שטארק ארויס, איז ווען עס קומט צו קויפן ד' מינים. יעדער וויל אודאי מקיים זיין דעם מצוה אויף דעם מהודר'דיגסטן פארנעם. יעדער איז גרייט זיך צו לאזן קאסטן פון טאש,

אבער דורכדעם וואס אמאל זיכט מען זיך דא און דארט צו שפארן, קען מען חלילה אריינפאלן אין מכשולות, וואס קען צומאל מיינען אז מ'איז נישט מקיים דעם מצוה.

באזונדער איז ווען עס קומט צו די פילע הלכות וואס זענען נוגע צו קענען האבן מהודר'דיגע ד' מינים, וואס צוליב די פילע הלכות, און די פילע פארצווייגטע פרטים נעמען מענטשען נישט דעם מיה צו לערנען די הלכות, און מחסרון ידיעה פארקוקט מען אויף וויכטיגע הלכה'דיגע פונקטן, וואס קענען צומאל גאר מעכב זיין, מען איז מחמיר וואו עס פעלט גארנישט אויס.

## דער נסיעה קיין איטאליע

צו מאכן דעם ציבור אביסל מער באקאנט מיט דעם ענין פון השגחה אויף ד' מינים בכלל, און אויף אתרוגים בפרט, ברענגען מיר אראפ א שמועס וואס דער מערכת האט אפגעהאלטן מיט הרה"ג ר' ליפא קליין שליט"א ראש המשגיחים ד'התאחדות הרבנים', וועלכער האט זיך באטייליגט ביי דעם נסיעה קיין איטאליע, און באגלייט דעם רב הגאון הגדול אבד"ק סערדאהעלי ודומ"ץ דק"ק נייטרא שליט"א - חבר בית דין המיוחד לעניני כשרות.

מיט די פילע אינטערעסאנטע אינפארמאציע באקומט מען א שטיקל בילד איבער דעם אחריות וואס געבן א השגחה אויף אתרוגים טראגט מיט זיך, באזונדער דאס זהירות וואס מ'ברויך האבן צו נעמען אתרוגים בלויז פון אזעלכע סוחרים וועלכע האבן פארלעסליכע השגחות, ווייל אויב נישט קען מען חלילה אריינפאלן מיט חששות פון אתרוגים מורכבים, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן ביי דעם היי יעריגן נסיעה.

דאס איז אין צוגאב צו דעם נסיעה וואס איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם פרשת כי תצא, וואו דער רב שליט"א אינאיינעם מיט א משלחת זענען אריבערגעפארן קיין מאראקא, משגיח צו זיין אויף די ארטיגע אתרוגים ביימער, וואס שטייען אונטער די השגחה פון 'התאחדות הרבנים', וואס צו דעם וועלן מיר צוריקקומען אין א צווייטן געלעגנהייט בעזהשי"ת.

## הלכות און הדרכה ביים קויפן ד' מינים

א ספעצילער מאמר האט דער מערכת געווידמעט אין דעם גליון, וואו עס ווערט צוזאמגענומען אלע הלכות וואס זענען נוגע ביים קויפן ד' מינים, סיי דער הלכה'דיגער טייל, און סיי דער פראקטישער חלק, וואס איז א גאר שטארקער תועלת פאר אברכים חשובים וועלכע האבן נאכנישט אזויפיל ערפארונג אין דעם פעלד פון קויפן ד' מינים, און זענען נישט באקאנט מיט אלע ענינים אויף וואס יא און וואס נישט מקפיד צו זיין.

דאס איז נישט בלויז פאר יונגעלייט, נאר דאס וועט אודאי אויך דינען אלס הלכה'דיגע פלאטפארמע פאר יעדן איד וואס וויל זיך קלאר מאכן מיט די פילע הלכות פון די ארבע מינים, וואס איז כולל גאר אסאך, און אפילו מ'זאל יא האבן ערפארונג, און עטוואס ידיעה אין די הלכות, קען דאס זיין גאר נוצבאר און שטארק ארויסהעלפן מיט די פילע הלכות וואס ווערט גאר רייך און געשמאק אויסגעשמועסט.

זאל השי"ת אונז באשערן א זיס לעכטיג יאר, מיר זאלן קענען מקיים זיין די פילע מצוות וואס דער הייליגער חודש ברענגט מיט זיך, אין דעם זכות וואס מיר שטרענגען זיך אזוי אן צו מקיים זיין די מצוות אויף אזא מהודר'דיגע אופן, וועט אונז דער באשעפער אודאי געבן סייעתא דשמיא, מ'זאל דאס קענען גרינגערהייט אויספירן, און זוכה זיין צו א שנה טובה ומתוקה ושנת גאולה וישועה, בביאת בן דוד במהרה דידן ברוב רחמיו וחסדיו.

דאס זהירות וואס מ'ברויך האבן צו נעמען אתרוגים בלויז פון אזעלכע סוחרים וועלכע האבן פארלעסליכע השגחות, ווייל אויב נישט קען מען חלילה אריינפאלן מיט חששות פון אתרוגים מורכבים, ווי עס האט זיך מער ארויסגעוויזן ביי דעם היי יעריגן נסיעה

# דבר המערכת

השגחה אויף יאנאווע

# אתרוגים

**אינפארמאטיווער שמועס מיט:**

## הרה"ג ר' **חנני' יו"ט ליפא סג"ל קליין** שליט"א

ראש המשגיחים ד'התאחדות הרבנים'

איבער דאס געבן השגחה אויף די באקאנטע מסורה'דיגע 'יאנאווע אתרוגים' אין אלגעמיין
און איבער דעם נסיעה קיין איטאליע דורך דעם משלחת פון התאחדות הרבנים

**בראשות הגאון הגדול**

## אבד"ק **סערדאהעלי** ודומ"ץ דק"ק **נייטרא** שליט"א

**חבר בית דין המיוחד לעניני כשרות**







**די אתרוגיםביימער אין איטאליע / דער שווערער ווינטער / דער נסיעה קיין איטאליע / מ'פארט קיין איטאליע / דער מיטונג מיט די אידישע סוחרים / דער מיטונג מיט די גוי'אישע סוחרים / דער גרויסער אסיפה אויף די 'אתרוגים פעלדער' / מכשול איבער מורכבים ביימער / צום שלום פונעם אסיפה**

## די אתרוגים ביימער אין איטאליע

דער יחוס פון די 'יאנעווער אתרוגים' - ווי עס ווערט גערופן אין די תשובה ספרים 'קאלאבריע אתרוגים' - איז ברייט באקאנט, הויפטזעכליך מיט איר ריינעם און אריגענעלע יחוס, וואס די ארטיגע ביימער ציען שוין פאר הונדערטער יארן אז דאס זענען בחזקת בלתי מורכב, זיי זענען גאר מהודר מקיים צו זיין מיט דעם די מצוה, ווי עס איז באקאנט די ווערטער פון הייליגן חתם סופר זצ"ל, וועלכער שטעלט אראפ דעם ענין, אז אתרוגים ברויכן האבן א מסורה אז דאס איז בחזקת בלתי מורכבים.

די אלע פעלדער פון די 'יאנאווע אתרוגים', וועלכע שטייען שוין על מכונם פאר הונדער טער יארן געפינען זיך אין איין געגענט אין איטאליע, וואס צוליב דעם גרויסן צאל אתרוגים ביימער ווערט דער גאנצער געגענט אנגערופן 'טשעדראו' (Santa Maria Del Cedro), וואס מיינט אויף איטאליעניש 'אתרוג'. אלעס אין יענעם געגענט דרייט זיך ארום אתרוגים. דער געגענט טשעדראו געפינט זיך אין דעם מחוז 'קאלאבריע', וואס אין די תשובה ספרים ווערן די ארטיגע אתרוגים גערופן על שמו פון דעם מחוז, וואס איז א פארווארפענער בערגיגער געגענט נעבן וואסער, וואס איז גאנץ פרימיטיוו און פארצייטיש.

די פעלדער וואו עס וואקסן די אתרוגים זענען קאנצעטרירט אין עטליכע שטעטלעך אין דערפער אין יענעם געגענט, וואס דער ערד דארט איז גאר געוואונטשן אויף צו פלאנצן אתרוגים, און אפילו עטליכע הונדערט מעטער ארויף קען שוין נישט וואקסן אתרוגים, אזוי אז נאר בלויז פון די עטליכע דערפער קומען די יאנעווע אתרוגים.


די הערליכע אתרוגיםביימער

עס איז אינטערעסאנט אז די גוים דארט האבן שוין לאנגע יארן בקבלה איבער דעם אז די אידן נעמען פון דארט אתרוגים, און עס איז טאקע מערקווירדיג אז אין דעם ארטיגן באן סטאנציע הענגט א גרויסן געמאלן בילד וויאזוי אידן קלויבן אתרוגים פון די ארטיגע ביימער.

דער איינציגער בית המדרש וואס איז דא אין יענעם געגענט, איז דער 'בית המדרש שלום על ישראל', וואס איז געבויעט געווארן דורך הרה"ח ר' ישראל שווארטץ שליט"א, ספעציעל פאר די אידישע סוחרים וועלכע קומען יאר יערליך אין די זומער חדשים צו שניידן אתרוגים, און דאווענען דארט דריי תפלות א טאג, מיט א שיעור אין גפ"ת צווישן מנחה און מעריב דורך הרה"ג ר' יוסף צבי לויפער שליט"א.


בית המדרש שלום על ישראל

די סוחרים דינגען ארויס דירות פון די ארטיגע לאקאלע גוים, וועלכע קוקן שוין ארויס דורכאויס דעם גאנצן יאר פאר די פאר גראשן וואס זיי קענען לייזן פון די אידישע געסט, אזוי אז רוב סוחרים האבן שוין חזקה פון לאנגע יארן ביי וועלכע גוים זיי דינגען ארויס.

## דער שווערער ווינטער

אתרוג ביימער אין אלגעמיין האבן אסאך אייגנארטיגקייטן, וואס איינס פון די זאכן איז דער שוואכער אמיון (immune) סיסטעם וואס די ביימער האבן. א נארמאלער אתרוג בוים וועט זיך נישט האלטן לענגער ווי 15 יאר, אין קאנטראסט צו אנדערע ביימער וואס האלטן זיך פיל לענגער.

אבער ווען עס קומט נאך צו א זייטיגער פראבלעם צו די ביימער, דאן איז דאס קאטאסטראפאל. דאס איז וואס האט פאסירט היי יאר אין די ווינטער טעג, ווען במשך פון עטליכע טעג האט א שרעקליכער פרעסט באטראפן איטאליע, אלס רעזולטאט פון דעם פראסט איז א גאר גרויסער פראצענט פון די ביימער פארפרוירן געווארן, און זענען חרוב געגאנגען אדער זענען מער נישט ראוי ארויסצוגעבן אתרוגים. נישט אלע פעלדער זענען אייניג באטראפן געווארן, דאס האט ווירקליך צוטון ווי שטארק דער קעלט האט זיי באטראפן. לדוגמא, איין גרויסער אתרוג פעלד איז כמעט נישט געשעדיגט געווארן, די מומחים האבן ערקלערט אז דער סיבה דערפון איז, ווייבאלד דאס איז ארומגענומען מיט פעלדער פון איילבירטן ביימער, וועלכע געבן ארויס א קליינער היץ, וואס טראגט דאס טויש נישט דעם גראד מיט קיין סך פערענהייט, האט דאס ווירקליך געהאט א השפעה אויף דעם ארטיגן וועטער, דאס האט געווירקט אויף אזויפיל, אז די קעלט זאל זיין עטוואס ווייניגער און נישט שעדיגן די אתרוגים ביימער.


'דער בערגיגער 'קאלאבריע' געגנט וועלכער געפינט זיך נעבן דעם וואסער'

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס זענען פאראן דריי מדריגות וויאזוי די ביימער זענען באטראפן געווארן. א גרויסער טייל פון די פעלדער זענען אינגאנצן חרוב געגאנגען און נעקר געווארן מן השורש. אנדערע פעלדער זענען נישט אינגאנצן חרוב געווארן, אבער מ'האט געברויכט אפשניידן אסאך צווייגן פון די ביימער וואס זענען געשעדיגט געווארן. דערנאך זענען פאראן אסאך פעלדער וואו מ'האט גארנישט געברויכט שניידן, אבער די ביימער זענען ווי פארקילט געווארן, היי יאר האבן זיי נישט ארויסגעגעבן קיין אתרוגים, און אפילו די וואס יא איז דאס בלויז פונעם דריטן שניט, וואס מיינט אז גאנצע 2 שניטן זענען נישט פארגעקומען.

## דער נסיעה קיין איטאליע

דאס איז געווען איינס פון די הויפט צילן פון דעם היי יעריגן נסיעה, וואס צוליב דעם דראסטישן טויש האט זיך אויסגעפעלט פרישע תקנות און אונטערנעמען נייע מאסנאמען.

בעצם זענען די נסיעות פון דעם סערדאהעלי רב שליט"א קיין איטאליע נישט קיין חידוש, און קומט פאר אויף א רוטינער שטייגער יעדע עטליכע יאר כדי זיכער צו מאכן אז די השגחה איז ווי ס'ברויך צו זיין. דער רב קומט אריבער און קוקט זיך אום אויף די פעלדער, מאכט זיכער אז די משגיחים וועלכע זענען געשטעלט פון התאחדות הרבנים, פירן אויס זייער ארבעט בשלימות, און זען אז די ביימער זאלן אלע אן אויסנאם זיין גענצליך אפגעהיטן, לויט די פארשריפן וואס זענען אראפגעשטעלט געווארן.

דאס יאר איז דאס געווען דער הויפט ציל פון דעם נסיעה, פאקטיש האט דאס געטראגן מיט זיך א פילפאכיג גרעסערע תועלת, און מ'האט איינגעפירט גאר אסאך נייע תקנות אין דעם ענין פון השגחה אויף די אתרוגים.

## מ'פארט קיין איטאליע

מאנטאג פרשת דברים האט זיך דער משלחת ארויסגעלאזט בסייעתא דשמיא פון ניו יארק אויפן וועג קיין רוים, דער הויפט שטאט פון איטאליע, וואו מ'איז אנגעקומען בשעה טובה ומוצלחת דינסטאג פארטאגס, תיכף פונעם עירפארט האט מען זיך ארויסגעלאזט דעם לאנגן וועג צום מחוז 'קאלאבריע' וואו עס געפינט זיך דער 'טשעדראו' געגענט וואו די אתרוגים וואקסן, א קנאפע 5 שעה רייזע מיט א קאר.

תיכף ביים אנקומען צו דעם געגענט, האט דער רב אנגעהויבן מיט די ארבעט ארומצוגיין אויף די פעלדער, וואו מ'איז געגאנגען פון פעלד צו פעלד בודק געווען די פעלדער און די אתרוגים ביימער. דער רב איז שאקירט געווארן זעענדיג מיט די אייגענע אויגן די אומגעהויערע שאדנס וואס די פעלדער האבן געליטן, צוליב דעם שווערן פארפרוירענעם ווינטער, וואס מיינט פלאנצונגען פון פרישע טויזנטער ביימער, און האט תיכף מחליט געווען אז מ'ברויך דרינגענד פאררופן אסיפות, מיט די אידישע און להבדיל די גוי'אישע סוחרים, מודיע צו זיין איבער די פרישע תקנות וואס מ'וויל איינפירן.







'ביים בודק זיין די ביימער אויב זיי זענען מורכבים"

## דער מיטינג מיט די אידישע סוחרים

דער ערשטער מיטינג איז פארגעקומען מיטוואך אינדערפרי אין דעם בית המדרש "שלום על ישראל", תיכף נאך שחרית, וואו אלע אידישע סוחרים זענען געווען אנוועזנד. דער רב האט אנגעהויבן דעם שמועס מיט'ן אדרעסירן דעם פאקט, אז דעם יאר איז געווען גאר א קאלטער יאר, וואס האט פארפרוירן א גרויסער פראצענט פון די אתרוגים ביימער, וואס דאס מיינט א פרישע איבערפלאנצונג פון טויזנטער ביימער אין דעם זעלבן צייט, וואס פארשווערט גאר שטארק די ארבעט פאר די משגיחים, וועלכע זענען נישט געוואוינט צו אזויפיל פרישע פלאנצונגען אין איין יאר, וואס אין אלגעמיין אין א יאר קומען צו בלויז עטליכע הונדערט פרישע ביימער, און דאס ברענגט מיט זיך גאר אסאך קאמפליקאציעס צו קענען האלטן א גענויער חשבון אויף אלע ביימער.



אסיפה מיט די חשובע אתרוג סוחרים

באזונדער האט דער רב אדרעסירט דעם פאקט איבער דעם מאנגל פון אתרוגים, וואס האט זיך געשאפן צוליב דעם שווערן ווינטער, וואס דאס וואלט ארויפגעשרויפט דעם פרייז פון אתרוגים אויף גאר הויכע שטאפלען. ער האט זיך אינטערעסירט ביי די סוחרים וואספארא פרייזן די גוי'אישע פארמער גרייט זיך צו רעכענען, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי ווילן רעכענען 5-6 מאל איבער דעם נארמאלן פרייז צוליב דעם מאנגל!

דער רב האט תיכף צוריקגענומען דאס ווארט, און האט ציטירט פון שולחן ערוך און פוסקים איבער דעם ענין פון מייקר השער, וואס ווערט ערווענט לגבי דעם פרייז פון פיש אויף שבת קודש. דער רב האט באזונדער דערמאנט דעם בריוו פון די קינדער פון הייליגן דברי חיים זי"ע, ובראשם דער הייליגער שינאווער רב זי"ע, וואס זיי האבן געשריבן צום קול אריה איבער אתרוגים סוחרים וועלכע האבן ארויפגעריקט דעם פרייז פון די אתרוגים, און זיי שרייבן דארט אז ווער עס וועט ארויפשרויפן דעם פרייז וועט מען ביי יענעם נישט קויפן קיין אתרוגים.

די סוחרים האבן גוט פארשטאנען דעם ענין, און נאכן דיסקוסירן דעם ענין, ווי דער עולם האט געלאזט הערן זייערע מיינונגען, האט יעדער אן אויסנאם צוגעשטימט צו דעם פארלאנג אז מ'קען נישט איבערטרייבן די פרייזן צוליב דעם מאנגל, וועלכער איז געבויט אויף הלכה'דיגע יסודות וויפיל מ'קען יא רעכענען אין אזא פאל. מ'האט דארט מחליט געווען אז איידער דעם גרויסן

**די סוחרים האבן גוט פארשטאנען דעם ענין, און נאכן דיסקוסירן דעם ענין... האט יעדער אן אויסנאם צוגעשטימט צו דעם פארלאנג אז מ'קען נישט איבערטרייבן די פרייזן צוליב דעם מאנגל, וועלכער איז געבויט אויף הלכה'דיגע יסודות וויפיל מ'קען יא רעכענען אין אזא פאל.**

מיטינג וואס וועט פארקומען במעמד כולם, וועט פארקומען א באזונדערע מיטינג צווישן די אידישע סוחרים און די גוי'אישע פעלד אייגנטומער, און יעדער אידישער סוחר וועט לאדענען זיין גוי'אישער מוכר, פון וואו ער קויפט זיינע אתרוגים, צו דעם באזונדערע אסיפה וואס וועט פארקומען אין דעם שול אויפן רוף פון דעם ראבינער וואס איז געקומען צופארן. מ'האט זיי נישט מודיע געווען וואס דער אסיפה איז, און פון וועלכער נושא מ'וועט דארט רעדן, אזוי אז אלע האבן מסכים געווען צו קומען.

דאס ארגענעזירן דעם מיטינג מיט די גוים, איז נישט געווען קיין פשוט'ער ארבעט. סיי דאס איבערצייגן די גוים - וואס טייל פון זיי זענען גרויסע סוחרים, און צומאל הארטנעקיג - זאלן מסכים זיין צו קומען, און סיי דאס פארשאפן די ריכטיגע דאלמעטשערס וועלכע זאלן קענען ריכטיג איבערטייטשן פאר די גוים, די האקעלע ענינים וואס זענען געווארן אויסגעשמועסט ביי דעם מיטינג.

## דער מיטינג מיט די גוי'אישע סוחרים

אום 1:00 נאכמיטאג האט זיך דער צווייטער אסיפה אנגעהויבן. איידער מ'איז צוגעגאנגען צו דעם ענין פון מייקר זיין דעם פרייז, האט דער רב צוערשט


מיטינג מיט די גוי'אישע בעלי בתים

איבערראשט די פארמער מיט'ן מודיע זיין איבער די נייע תקנות וואס מ'גייט איינפירן אויף די אתרוגיםביימער. אנגעהויבן האט זיך דאס ווען דער רב האט געפרעגט פון די פארמער, וויאזוי זיי פלאנירן איבערצופלאנצן די נייע ביימער, וואס כאטש אין אלגעמיין ארבעט דאס אז מ'נעמט פון די לעבעדיגע ביימער צווייגן און מ'פלאנצט דאס איבער, איז אבער ביי אסאך פארמער דאס נישט אקטועל וויבאלד גאנצע פעלדער זענען חרוב געגאנגען.


ב"ה יום ה' תבוא תרמ"ב לפ"ק צאנז.
השוכן בשמים, יכתבהו לאלתר לחיים, כבוד ידידינו
הרב המאה"ג הגאון החריף ובקי החסיד המפורסים
מו"ה **אברהם יהודא כ"ץ** נ"י האבדק"ק מאד יצ"ו.
לאשר שמענו את אשר עשו העמלקים ביניהם ליקר השעה
מהאתרוגים לכן גמרנו בדעתינו להזהיר את הסוחרים היושבים כעת
בטריעסט שלא יתנו יותר ממחיר שנה העברה וכתבנו להם באזהרה
שכל מי שיעבור ע"ז לא יקחו אחב"י אצלו [אתרוגים] למצות, ובאם
העמלקים לא יניחו השער אזי יקחו קראסיקאנער יעניוועד ומאח"ק,
וגם אנחנו מוכנים אי"ה ליקח מאותן האתרוגים, ולאשר לא הי'
הזמן גורם לבוא המכתב אצל כהדר"ג לכן כתבנו להסוחרים לטריעסט
ואנחנו מבקשים מאת כהדר"ג שיכתוב בעצמו ביחוד אליהם באזהרה
על כל הנ"ל ולהסכים על קניית האתרוגים ממקומות הנ"ל, דברי
הבעה"ח לעשות תקנה לקיום המצוה עפ"י תוה"ק.

חק' יחזקאל שרגא הלברשטאם
הק' דוד הלברשטאם
חק' ארי' ליבוש הלוי (ממאשציסק)
חק' אהרן הלברשטאם
חק' ברוך הלברשטאם
חק' שלמה הלברשטאם
חק' משה הלברשטאם

*) מכתב זה נדפס במכ"ע "מחזיקי הדת" שיצא לאור בלבוב ב' ניסן תרמ"ד לפ"ק.
**) הוא הרב הגאון הצדיק המפורסם מו"ה עקיבא קארניטצער אבד"ק קראקא יע"א.
*) מכתב זה נדפס בקונטרס תולדות קול ארי', המכיל תולדות הגאון האדיר המפורסם בעל שו"ת קול ארי' זצ"ל, אבד"ק בערעגסאז ולבסוף ימיו אבד"ק מאד, שאליו נכתב מכתב זה.

מ'איז געגאנגען פון איין פארמער צום צווייטן, און זיי געפרעגט אויף א רעספעקטירטער און איידעלער אופן וואס זייער פלאן איז, א פאראהער וואס זיי האבן זיך אויף דעם נישט געראכטן, זיי זענען געווען גענצליך שאקירט פון דעם, אבער האבן פארשטאנען אז זיי האבן נישט קיין אנדערע ברירה נאר מוזן געבן א גענויער דין וחשבון אויב ווילן זיי בלייבן אין ביזנעס... אלע האבן מסביר געווען זייערע פלענער, אריינגערעכנט גרויסע פעלד אייגנטומער, וועלכע פארפיגן איבער גרויסע פעלדער און זענען נישט געוואוינט זיך צו לאזן פאראהערן.

דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז פילע פון זיי וועלן קויפן פארטיגע 'שתולים' [פלענטס] פון די נוירסעריס, וואס איז א פלאץ וואו מ'פלאנצט און מ'גרייט צו די שתולים דורכאויס א משך פון ארום א יאר, און דערנאך פלאנצט מען דאס אריין אין די פעלדער. דאס מיינט אז עס איז אונטערגעקומען א פרישער חשש אז עס קען זיך מאכן אז סוחרים זאלן נעמען פון מורכבים ביימער, און דאס איינפלאנצן אין זייערע פעלדער, און דאס וועט דערנאך פארקויפט ווערן פאר די אידישע סוחרים, וואס דאן וועט שוין זיין פילפאכיג שווערער צו דערגיין אויב די ביימער זענען מורכבים.

צוליב דעם חשש אז די שתולים קענען קומען מורכב, האט דער רב מודיע געווען אז ער וועט אראפשטעלן פאר זיי א נייער סיסטעם וויאזוי מ'וועט פון היינט און ווייטער פלאנצן ביימער, וואס טראץ די אלע ביימער זענען פון די באקאנטע "באסטאניע ביימער" וואס זענען אריגענעלע ביימער בחזקת בלתי מורכב, און זענען אלע יארן באקוקט געווארן דורך די משגיחים וועלכע האבן מיט פארשידענע סימנים בודק געווען די ביימער, פארלאנגט זיך אבער א פרישע טויש, מהיום והלאה וועט מען קענען פלאנצן בלויז אויב דאס האט א ספעציעלן פלאמבע פון 'התאחדות הרבנים', וואס דאס וועט ברויכן זיין סיי אויף די נייע ביימער און סיי אויף די אלטע, אן דעם וועט מען נישט קענען נעמען פון אזעלכע ביימער.

דאס ווערט בסייעתא דשמיא פארזיכערן אז די שתולים זענען נישט קיין מורכבים, בלויז נאכן דורכגיין בדיקות דורך די משגיחים ווערט ארויפגעשטעלט ווערן א פלאמבע אויף א פלענט אז דאס איז בלתי מורכב.

דער פלאמבע איז פאקטיש שווין איינגעפירט געווארן, דאס איז געלייגט געווארן אויף א אופן, אז דאס זאל נישט קענען אראפגענומען ווערן, צווישן צוויי דערנער אין דעם בוים, וואס אויב זאל מען דעם פלאמבע אראפנעמען וועלן זיך די דערנער צוברעכן, מ'וועט דערקענען אז דאס איז אראפגענומען געווארן.

דא איז דער רב אריבער צו דעם נושא פון ארויפשרויפן דעם פרייז, און האט במשך א לענגערע צייט ערקלערט פאר די פארמער אז ער פארשטייט באמת זייער ווייטאג און דעם גרויסן שאדן וואס זיי האבן געליטן, ווען 80% פון די ביימער זענען חרוב געגאנגען, אבער דאס מיינט נישט אז פון די איבריגע 20% וואס זענען פארבליבן זאל מען קענען דעקן די רווחים וואס מ'וואלט ווען געמאכט פון די איבריגע 80%. מ'האט זיי מסביר געווען אז דער עולם איז געוואוינט וויפיל צו צאלן פאר א אתרוג, און מ'וועט נישט גרייט זיין צו איבערצאלן צוליב דעם מאנגל, און דאס איז א אחריות וואס ליגט אויף די רבנים, דאס נישט צוצולאזן.

דאס האט בכלל נישט אויסגערופן קיין איבריגע ענטוזיאזעם ביי די פארמער, נאר האט זיי צוערשט גאר אויפגעברויזט, און האבן זיך גענומען טענה'ען און אפעלירן פאר רחמנות איבער זייערע שאדנס, ביז מ'האט זיי קלארגעשטעלט אז מ'פארלאנגט נישט פון זיי אז מ'זאל נעמען גענוי דעם זעלבן פרייז ווי יעדעס יאר, מ'פארשטייט אז עטוואס וועט דאס יא קאסטן מער, אבער בלויז אויב שטימט דאס מיט דעם פרייז וואס דער רב האט אראפגעשטעלט.

אויף דעם זענען זיי איינגעגאנגען, און האבן פארשטאנען אז דאס איז עס, אויפן ביזנעס חשבון מיינט דאס אויך נישט אזא שאדן, ווייל דאס איז נישט דער לעצטער יאר וואס מ'נעמט פון זיי אתרוגים, און אויב ווילן זיי ווייטער האבן דעם היימישן ציבור ברויכן זיי זיך צושטעלן, דאס איז באשטעטיגט געווארן במעמד כולם.

מיט דעם האט זיך געשלאסן דער צווייטער מיטינג אין די נאכמיטאג שעות, וואס האט זיך געענדיגט מיט צוויי גרויסע דורכברוכן, סיי דער חלק פון די נייע תקנות, און סיי איבער די פרייזן פון די אתרוגים.


דער רב ביים בודק זיין ארטיגע אתרוגים ביימער

בעזהשי"ת

# התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

בי"ד המיוחד לעניני כשרות | Kashrus Division

**חברי הב"ד**
הרהגה"צ רבי **אברהם יהושע העשיל ביק** שליט"א
האבד"ק מעזיבוז
הרהגה"צ רבי **הילל ווינבערגער** שליט"א
האבד"ק סערדאהעלי - דומ"ץ נייטרא
הרהגה"צ רבי **יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין** שליט"א
האבד"ק גאלאנטא

הרב **יחיאל יצחק סג"ל גליק**
מנהל כללי וספרא דדיינא

## מודעה רבה!

**בענין אתרוגי יאנעווא לחג הסוכות שנת תשע"ח הבעל"ט**

ביום ד' עקב, י"ז לחודש מנחם אב דהאי שתא, התקיימה אסיפה במחוז קאלאבריע, מדינת איטאליע, בנוכחות כל סוחרי אתרוגים והמשגיחים שיחיו, ששהו שם במקום, ולהבדיל בנוכחות החקלאים – בעלי השדות-בראשות חבר "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" **הגאון הצדיק אבדק"ק סערדאהעלי שליט"א**,

**ואלו הן ההחלטות שהחליטו אצל האסיפה:**

- מחמת המחסור באתרוגים השנה, חיובא רמיא עלינו להיות פוסקין על השערים, (כמבואר ברמב"ם הלכות גניבה פ"ח ה"כ), ולכן אסור לשום סוחר לשלם/לקנות אתרוגים מבעלי השדות יותר מהשער הקבוע, והוא המחיר שקבענו במעמד ובהסכמת כולם, **ומכאן האזהרה יוצאת לכל הסוחרים שלא להיות ח"ו ממייקרי השער אשר עונשן חמור רח"ל.**
- אם יהי' איזה סוחרים {או להבדיל בעלי שדות} שלא יצייתו לפעול לפי התקנות הנ"ל נצטרך לפרסם שמות הסוחרים ובעלי השדות ולאסור לקנות מאלו, וד"ל.
- **תקנה גדולה תיקנו:** היות שחלק גדול וניכר מהאילנות אשר היו בחזקת בלתי מורכבים נעקרו ונשרשו מחמת הקור שהיה בחורף העעל"ט, הוחלט שמעתה, בנוסף על הסימנים הניכרים על האילנות שהמשגיחים בודקים בעת הקצירה, יתוקן חותם (פלאמב"ע) על כל השתילים והאילנות החדשים, החל מאלו ששותלים בשנה זו תשע"ז לפ"ק, ועל החקלאים להתקשר עם המשגיח הממונה מאתנו, בין בעת קיצוץ הענפים, ובין בעת הזרעת השתילים בקרקע, ועל כל שתיל ואילן יהי' חותם הבי"ד, לוודא חזקת בלתי מורכב, ומהיום והלאה יקחו אתרוגים רק מהאילנות שיש להם החותם.

התקנות דלעיל נתקבלו ע"י כל הסוחרים, וכשם השם נעשה ונצליח לעמוד הלאה על משמר הכשרות של אתרוגי קאלאבריע, לטובת אחבנ"י הי"ו.

**בברכת כתיבה וחתימה טובה**
יום ג' פרשת ראה, כ"ג לחודש מנחם אב, תשע"ז לפ"ק

**מחלקת הכשרות**

נ.ב. העתק מודעה זו נשלח לכל הסוחרים.

The seal of uncompromising Kashrus

85 Division Avenue Brooklyn, NY 11211 | Tel: 718.384.6765 | Fax: 718.486.5574

## דער גרויסער אסיפה אויף די 'אתרוגים פעלדער'

דאן איז מען געגאנגען צום גרויסן דריטן מיטינג, וואס איז פארגעקומען אין די פעלדער פון די סוחרים, וואו אלע האבן זיך אינאיינעם אויפגעהויבן און אריבערגעפארן צו די פעלדער. דאס איז א גאר אינטערעסאנטער פאקט, אז די סוחרים האבן מסכים געווען ארייצולאזן די אנדערע סוחרים וואס זענען זייערע לאנגיעריגע קאנקורענצן, אבער זענען דערויף איינגעגאנגען וויבאלד דער רב האט דאס פארלאנגט. מערקווידיג איז געווען, אז אפילו אין די צוויי גרעסטע פעלדער פון וואו עס קומען א גאר גרויסער פראצענט פון די אתרוגים האבן די בעלי בתים אריינגעלאזט אלע אנדערע סוחרים, וועלכע האבן זיך גאר געפריידט צו דעם זעלטנער געלעגנהייט צו קענען באקומען א נאנטער בליק אויף די פעלדער פון זייער גרעסטער קאנקורעץ, און האבן זיך תיכף גענומען נעמען בילדער מיט זייערע טעלעפאנען, אבער די בעלי בתים זענען געשטאנען אין א זייט און נישט געזאגט קיין ווארט, וועלענדיג אויספאלגן דעם פארלאנג.

דאן איז מען אריבער צו דעם גרויסן 'נוירסערי' וואו מ'גרייט צו די שתולים, וואס שטייט אין איינס פון די גרויסע פעלדער.

א וואונדערליכער 'סימן מן השמים', און א מציאות וואס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די אלעביימער וואס זענען מורכב געווארן דורך די בעלי בתים, און האבן דאס פרובירט צו פארהוילן פון די אידישע סוחרים, האבן זיך יא געהאלטן נאך די קעלט... בלויז די אריגענעלע ביימער וואס זענען נישט געמישט זענען פארפרוירן און חרוב געגאנגען... דאס האט נאכמאל איבערגעוויזן אז העברת פי ד' והיא לא תצלח...





דער גרויסער אסיפה אויף די 'אתרוגים פעלדער'

דער רב האט פארלאנגט מ'זאל עפענען די זעקלעך וואס נעמען ארום דעם אונטערשטן טייל פון די שתולים, און האט דאס בודק געווען און אויסגעפרעגט איבער אלע סימנים פון דיווארצלען, העלצער און בלעטער, צו זיכער מאכן אז דאס איז נישט מורכב נאר איז 100% ריין. באזונדער האט מען זיכער געמאכט אז די בעלי בתים זאלן פארשטיין אלע הלכות און קפידות וואס עס איז דא, עס זאל זיין אויסגעהאלטן הלכה'דיג.

דערנאך איז מען אריבער צו נאך פעלדער, און דער רב האט געזאגט אז ער וויל פעסטשטעלן אז די ביימער פון די פעלדער זענען טאקע נישט מורכב, האט באפוילן פאר דעם בעל הבית פון דעם פעלד אויפצוגראבן א בוים אינמיטן פעלד ביז די ווארצלן, ווייל ער וויל דאס קענען באטראכטן און זען אויב דאס האט די סימנים. דאס האט ווי פארשטענדליך זייער נישט געשמעקט פאר דעם בעל הבית, וואס דאס מיינט נעמען א געשטעלעטער בוים וואס ער נעמט שוין פון דעם פאר לאנגע יארן אתרוגים, און דאס אויפגראבן, אבער ער האט תיכף געפאלגט, און גענומען א קליין שאוול, און אויפגעגראבן ביז אונטן, דער רב האט דאס בודק געווען בעיון און זיכער געמאכט אז אלעס איז אויסגעהאלטן. דאן האט דער רב זיך געוואנדן צום בעל הבית, און אים בארואיגט אז ער וועט אים נישט הייסן אויפאקערן דעם גאנצן פעלד, אבער ער וויל ער זאל אים אויפגראבן נאך א בוים ביים אנדערן זייט פון דעם פעלד. ער האט דאס טאקע געטון, מ'האט פעסטגעשטעלט אז

דאס איז גוט. באזונדער האט דער רב שטארק נאכגעקוקט אויב מ'האט נישט אנגעהויבן נוצן געוויסע נייע מעטאדן פון הרכבה, וואס צוליב דעם האט ער געהייסן גאר טיף אראפגראבן.

## מכשולות איבער מורכבים ביימער און דער סימן מן השמים

איינס פון די זאכן וואס מ'האט היי יאר באשטעטיגט, איז דער חשד וואס מ'האט שוין לאנג געהאט - אבער נישט געוואלט גלייבן דער ווירקליכקייט דערפון - אויף געוויסע ביימער אז דאס זענען מורכבים, א זאך וואס די בעלי בתים האבן קאטאגאריש געלייקנט, אבער התאחדות הרבנים האט



דער רב פארלאנגט פון דעם סוחר אויפצוגראבן דעם בוים ביז דעם שורש דאס צו קענען ריכטיג בודק זיין



ביים בודק זיין די ביימער

אלץ פארלאנגט פון די סוחרים אונטער די השגחה, צו שטיין פון די ביימער וויית כמטחוי קשת, און חלילה נישט נעמען פון אזעלכע ביימער וואס זענען ספק מורכב.

מ'האט שוין באמת געווארנט געוויסע סוחרים (וואס שטייען נישט אונטער די השגחה פון התאחדות הרבנים) און נעמען יא פון יענע ביימער, אז דאס זענען מורכבים און מ'טאר פון דעם נישט נעמען, כל שכן נישט פארקויפן פאר אידן וועלכע קענען נכשל ווערן בלא יודעים, אבער דאס זיי האבן זיך נישט צוגעהערט, און ליידער פארקויפט מען יא געשעניטן אין היימישע געגענטער אין ניו יארק.

עס איז אינטערעסאנט אנצואווייזן א איבער וואונדערליכער 'סימן' מן השמים', און א מציאות וואס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די אלע ביימער וואס זענען מורכב געווארן דורך די בעלי בתים, און האבן דאס פרובירט צו פארהוילן פון די אידישע סוחרים, האבן זיך יא געהאלטן נאך די קעלט, וויבאלד אנדערע פרוכט מיט וועלכע זיי זענען געמישט געווארן, קענען גרינגער דורכמאכן די קעלט, בלויז די אריגענעלע ביימער וואס זענען נישט געמישט זענען פארפרוירן און חרוב געגאנגען, דאס האט טאקע געדינט אלס נאך א סימן, אז די ביימער וועלכע מ'האט אלץ געהאלטן פאר אריגענעלע ביימער, דוקא די זענען חרוב געווארן און זענען ריין און נישט געמישט.

דאס האט נאכמאל איבערגעוויזן אז העברת פי ד' והיא לא תצלה, מ'קען נישט מכשיל זיין אידישע קינדער וועלכע געבן זיך אזוי שטארק אוועק מקיים צו זיין א מצוה בשלימות.

## צום שלוס פונעם אסיפה

ווי נאר מ'האט געענדיגט דעם שווערן אבער גאר פראדאקטיוון טאג מיט די פילע אסיפות און דאס שפרייזן אויף די פעלדער, האבן די בעלי בתים אויסגעדריקט זייער פארשטענדעניש איבער די אלע פרישע פארלאנגען, און האבן געזאגט אז זיי ווייסן אז זיי טוען א זאך לתועלת די אידישע רעליגיע, און טוען דאס מיט גרויסע הערצה און רעספעקט. דערנאך האבן זיך אלע בעלי בתים געשטעלט אין א שורה, און גענומען א ברכה פונעם רב, בעטענדיג אז היות זיי האבן זיך אזוי שיין צוגעשטעלט צו די הלכה'דיגע פארלאנגען פון די רבנים, ווילן זיי אז מ'זאל זיי וואונטשן הצלחה אויף זייערע פעלדער, דער שאדן וואס זיי האבן געהאט, זאל שנעל און גרינג געדעקט ווערן.

אזוי האט זיך דער טאג געענדיגט אין א גוטער שטימונג, א זאך וואס מ'האט נישט געגלייבט פון פאראויס, מ'האט שטארק חושש געווען אז ס'וועט זיך מאכן געפעכטן און קריגערייען מיט די סוחרים, וואס האבן געהאט אסאך שאדן דורכאויס דעם יאר, אבער מיט גרויס סייעתא דשמיא האט מען באוויזן צו דאס דערגרייכן, און קענען צושטעלן פאר כלל ישראל מהודר'דיגע אתרוגים בתכלית הכשרות, זאלן נישט דארפן פאר דעם צאלן איבערגעטריבענע פרייזן, קענען צוגיין צום יום טוב מיט א פרייליכער געמיט און רואיג געוויסן, מיט א שמחה, מקיים זיין די מצוה פון נטילת לולב, מיט מהודר'דיגע ד' מינים.



התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

Kashrus Division

בי"ד המיוחד לעניני כשרות

מחלקת הכשרות

The seal of uncompromising Kashrus

Tel: 718.384.6765 | Fax: 718.486.5574



התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

Kashrus Division

בי"ד המיוחד לעניני כשרות

CONGRESSO RABBINICO CENTRALE DI USA E CANADA
CRC - DIVISIONE CONTROLLO KASHER

All'attenzione dei Commercianti dei CEDRI di CALABRIA
Ad ognuno saluti e Benedizione.

**Mercoledì 9 agosto 2017**

In terra di Calabria (Santa maria del Cedro) nella nazione Italia, sotto la guida e la Supervisione del Capo Rabbino della CRC si è svolto un incontro fra i commercianti di cedri,i mashghikhim, ed i proprietari delle cedriere per discutere dei problemi della stagione 2017.

**Con questa si portano a conoscenza le decisioni adottate alla fine del meeting:**

1. Si ritiene opportuno per quest'anno, a causa dei problemi del gelo e del declino della produzione, di stabilire un LIMITE PREZZO (una fonte di ebraico SHULKAN ARUK) secondo quanto dichiarato NESSUNO È AUTORIZZATO per pagare al produttore Del cedro più del PREZZO IMPOSTO durante l'incontro, altrimenti i CEDARTI ETROGHIM acquistati ad un prezzo superiore al prezzo fisso saranno dichiarati dai Rabbis PASUL - NON-KASHER. Quindi non possono essere venduti per scopi religiosi.
2. **Il secondo puntoa cui porre rimedio:** poiché la maggior parte delle PIANTE di CEDRO e' stata distruttaè quindi necessario il REIMPIANTO di nuove TALEE (shitlimm) CRC da ora in poi riconoscera' solo uelle TALEE (shtlimm) che verrano verificate dai MASHGHIKIM (controllori) AUTORIZZATI, che provvederannoal controllo in 2 fasi:
   a. Al momento del taglio degli shtilimm dalla pianta madre, con relativa posa in vaso
   b. Al momento del travaso nel campo.

Tutti le talee per essere valide dovranno essere siglate e sigillate con piombi e sigilli.

**Redatto approvato ed emanato**
**martedì 15 agosto 2017**

The seal of uncompromising Kashrus

85 Division Avenue Brooklyn, NY 11211

Tel: 718.384.6765 | Fax: 718.486.5574

דאס האט נאכגעפאלגט מיט א ווארעמע תפלת מנחה און מעריב אין דעם בית המדרש, מיט דעם איז דער נסיעה געקומען צו א ענדע, א טאג דערויף, האט זיך דער משלחת צוריקגעקערט קיין ניו יארק בשעה טובה ומוצלחת.

ביים זיך צוריקקערן קיין ניו יארק, האט די בי"ד געטוען הלכה למעשה און ארויסגעשיקט צו אלע סוחרי אתרוגים די החלטות פון דעם אסיפה מיט די נייע תקנות וואס מען האט מתקן געווען, ווי אויך האט מען דאס איבערגעטייטש אויף איטאליעניש און געשיקט צו די אלע ארטיגע בעלי בתים פון די פעלדער, כדי מען זאל קענען תיכף ומיד מקיים זיין אין איינפירן די נייע תקנות לטובת הציבור, און שטיין על המשמר אויף די כשרות האתרוגים כדת כראוי וכנכון בעזר השם. בלייבט נאר איבער צו וואונטשן, אז חפץ השם בידם יצליחו, און כלל ישראל זאל קענען מקיים זיין דעם מצות עשה דאורייתא אויף א מהודר'דיגע אופן אבער מיט א צוגענגליכער פרייז.

# אתרוגים בלי פיטמאות

המחבר בסי' תרמ"ח סעי' ז' פסק ניטל דדו פסול, וכתב הרמ"א ע"ז וכל זה דוקא שניטלה, אבל אם לא היה לו דד מעולם, כשר, וכן רוב האתרוגים שמביאים במדינות אלו, עכ"ל, ובני ישראל יוצאים ביד רמ"א, וכן נהגו להקל ולהשתמש לכתחילה באתרוגים שלנו בלי פיטמאות.

כשביקרנו השנה במקום גידולי האתרוגים במחוז קאלאבריע מדינת איטאליע וכן הדבר במדינת מאראקא, והלכנו על הרבה גנות ופרדסים של אתרוגים ראינו שיש כמה וכמה חילוקים בדבר ואין אחד דומה למשנהו, ולכאורה יש גם נ"מ לדינא ביניהם, וראינו נחיצות לבאר הדבר לאשורו ועל אף שהוא דברים הסובל אריכות ואין הגליון מספיק נבאר כאן רק ראשי פרקים בקצירת האומר, ואי"ה עוד חזון למועד לבוא בכתובים באריכות.

ובתחילה נבאר מציאות הדברים סדר ותהליך גידול האתרוגים, והוא כי בתחילה יוציא האילן פרח והוא פרח האתרוג ואחר שנפתח הפרח מתחיל להתנוצץ האתרוג באמצעיתו והתחלתו הוא הנצץ הפיטם, שהוא כמין עלה שממנו יצמח הפרי והתחלתו -חלק העליון- יהי' הפיטם ר"ל הדד והשושנתא שעליו.

והנה יש בזה כמה מדריגות ונחלקם לשלשה, מדריגה הראשונה הוא אלו שעוד לפני שיצמח איזה פרי בכלל כבר נתייבש ונפל חלק הנ"ל העליון שהוא הפיטם, והאתרוג מתחיל ליגדל בלי פיטם כלל, מדריגה השני' הוא שבזמן שנצמח כבר פרי האתרוג רק הוא עדיין בקטנותו ורחוק הוא מגמר, אז נתייבש הפיטם ונופל, והאתרוג ממשיך ליגדל ולצמוח בלי פיטם, ומדריגה השלישית הוא שהפיטם נשאר על האתרוג רוב זמן גידולו וכמעט שנגמר לגמרי ורק אז ממש בסוף בשבועות האחרונות לפני קיטופו נתייבש הפיטם (מחמת חום השמש וכדו') ונופל, {וכמובן יש גם שהפיטם נופל אחרי קיטופו מן האילן, אבל אין זה הנושא המדובר כאן}.

והנה אחר כל הדברים האלה בהבנת המציאות, נראה לומר כי מה שכתב הרמ"א "אבל אם לא היה לו דד מעולם כשר", ר"ל שאין בזה חסרון וכמש"כ במשנ"ב (סקל"ב) וז"ל כיון שכך הוא דרך ברייתן, וזהו דרך גידולן, אין לכנותם בשם חסרים או שאינן הדר, עכ"ל, כוונת הדברים הוא דייקא באותן אתרוגים במדריגה ראשונה ר"ל שנפלו פיטמן לפני צמיחת הפרי כי דייקא אז שפיר יש לקרות עליהן "שלא היה להם דד מעולם" דכשהוא עדיין בשלבי הנצה ולא ניכר עליו פרי בכלל עדיין לא התחיל גידול פרי האתרוג, וכשמתחיל גידול פרי האתרוג אין עליו פיטם, ודייקא כשנפל הפיטם לפני התחלת צמיחת הפרי יש עליו הסימן שכתב המג"א (סק"י בשם המבי"ט), כי יש במקום הפיטמא כמו גומא מתחלת ברייתו.

אבל במדריגה השני' וכ"ש בהשלישית שהפיטם מתייבש ונופל מן האתרוג כשהוא כבר פרי אז לא ניכר עליו הגומא הנ"ל, והנה במציאות הלז יש כאלו שלא ניטל הדד כולו רק נשאר חלק קטן מן הדד (העץ) למעלה מן האתרוג וכפי שפסק המג"א (סק"ט) עדיין נשאר בכשרותו, אבל אם נפל לגמרי כל הדד יש לפקפק בזה, והנה בשו"ת שבט הלוי (ח"א סי' קע"ז) מקיל גם בזה ומדמה דינו להמדריגה הראשונה שכתבנו, וסברתו דכיון שנפל באמצע גידולו {כל זמן שעדיין לא נגמר צמיחת האתרוג לגמרי} הרי זה נחשב כאילו לא היה לו דד מעולם כיון שכך הוא דרך גידולו, וכן מובא משמי' דהחזו"א בספר ארבעת המינים, דכל שהנפילה היתה מעצמו באמצע גידולו אין בזה חשש, אבל כפי שכתבנו נראה לכאורה כי דברי הרמ"א נאמרו רק באופן שנפל הפיטם לפני התחלת צמיחת פרי האתרוג גופא, ודי בזה, והארכנו במציאות הדברים כי ראינו גדולים וטובים טועים בזה, ובגוף ההלכה עדיין נשאר בקולמוס מה שיש לדון בזה כי יש אריכות בדברי הפוסקים בענין הלז ואכמ"ל.

וזכורני מימי נעורי בעיר בארא פארק שזכיתי אז לעמוד בפני הגאון הצדיק המפורסם כש"ת רבי יהושע גרינוואלד זצ"ל אב"ד חוסט, בעת שהיו באים בהמון לשאול על אתרוגים כנהוג, ואז ראיתי כי על האתרוגי יאנעווע בלי פיטום, היה דרכו תמיד לבחון ולראות אם ניכר על האתרוג גומא מועטת, שאז הוא סימן שנפל הפיטם לפני צמיחת פרי האתרוג, כמ"ש לעיל מהמג"א, {ואם הי' גומא עמוקה עם חלל היה מדקדק לבדוק עם מחט דק כחומרת הביכורי יעקב עיין משנ"ב ס"ק ל"ב, דזה הוה נקב בתולדה ואז פסול}, או שיהא נשאר כל שהוא מן עץ הדד הבולט למעלה מן האתרוג, ודייקא באופנים אלו היה מכשיר האתרוגים.



פסקי הלכות שנקבצו מתוך שיעורים הקבועים של הרב הגאון הצדיק המפורסם
**רבי הילל וויינבערגער שליט"א, אבד"ק סערדאהעלי, ודומ"ץ נייטרא חבר "בי"ד המיוחד לעניני כשרות"**
השיעורים מתקיימים תמידים כסדרן בלשכת 'התאחדות הרבנים' לפני המשגיחים החשובים במסגרת מחלקת הכשרות שע"י התאחה"ר, לדון ולברר דינים והלכות הנוגעים בכשרות המאכלים

# וויאזוי קויפט מען ד' מינים?

## אתרוג • לולב • הדסים • ערבות

א גרויסן דאנק פאר **הרב ר' בנימין בערקאוויטש שליט"א** מוציא לאור קובצי 'גינת ורדים', וועלכער האט אונז איבערגעגעבן פראקטישע אנווייזונגען פון זיין לאנגיעריגער ערפארונג אלס אתרוג סוחר, און פארשידענע ענינים און הלכות וואס זענען נוגע פאר די ד' מינים.

## אתרוג

### וויאזוי באקוקט מען א אתרוג?

צום אתרוג סוחר קומען אריין פארשידענע סארט אידן, רבנים, דיינים, בעלי בתים, יונגעלייט, פון אלע סארטן. הצד השוה שבהם, אלע קומען מיט איין תכלית און ציל, ארויסצוגיין מיט א הערליכער אתרוג, טעם עצו ופריו שוה, אויסגעהאלטן 100% הלכה'דיג, צו קענען מקיים זיין דעם 'זה קלי ואנוהו', יוצא זיין דעם מצות עשה דאורייתא פון 'ולקחתם לכם פרי עץ הדר', אויפן שענסטן און מהודר'דיגסטן פארנעם, אנע שוינען די פאר דאללאר וואס דאס וועט קאסטן, דאס זענען אויך הוצאות שבת ויו"ט וועלכע קומען ממילא צוריק.

"וואספארא סארט אתרוג זוכט איר?" פרעגט דער אתרוג סוחר פון דעם תלמיד חכם אדער בעל הבית וואס האט נארוואס איבערגעטרעטן דעם טיר פונעם ד' מינים צענטער, "איך זיך א ריינער אתרוג, דער גידול זאל זיין גאנץ פיין, אבער איך בין נישט אזוי ווייט מקפיד אויף דעם גידול ווי ריינקייט" איז דער אומצווייפלהאפטיגער אנטווארט. - "בסדר", דא האט איר 4 אתרוגים, וועלט אייך אויס וועלכער אתרוג עס קוקט אייך אויס דאס מערסטע פאסיג". עס וועט נישט נעמען קיין 10 מינוט, און דער איד וועט ארויסגיין מיט א הערליכער אתרוג, "דער גאנצער סעט וועט אייך קאסטן $275, און א כשר'ע פרייליכע יו"ט" איז די ווערטער וואס דער סוחר וואונטשט פאר דעם איד וועלכער פארלאזט דעם צענטער מיט א פרייליכן געזיכט. ער ווייסט פון פאראויס אז דאס איז בערך דער סכום וואס ער וועט צאלן פאר דעם סארט אתרוג וואס ער זוכט. ער ווייסט פון פאראויס דעם כלל "פאר דעם פרייז קען מען נישט האבן א 'נקי מכל', און זאל נאך האבן א גארטל, חריצות און בליטות". ער שאצט נישט איבער זיינע ערווארטונגען.

א מינוט דערויף קומט אריין א יונגערמאנטשיק, דער איינציגער ערפארונג וואס ער האט מיט די ד' מינים איז ווען זיין פאטער האט אים געגעבן די ד' מינים אין הענט אריין און געווארנט אז דער שפיץ פון דעם לולב זאל נישט אריינהאקן אין די ווענט פון דעם סוכה. "וואס זוכט איר? איר זענט מער מקפיד אויף דעם ריינקייט אדער אויף דעם געשטעלל?" פרעגט אים דער סוחר, "איך בין דוקא מקפיד אויף דעם געשטעלל, א שיינער גידול מיט א גארטל, חריצות און בליטות. דאס איז מיין חלום!" ענטפערט דער יונגערמאן מיט א זיכערקייט. מ'לייגט פאר אים פאר א אתרוג, ער קוקט ארויף און אראפ, אונטער דעם לעקטער און ביים שיין פון דעם לאדן, ער נעמט א פארגרעסערונג גלאז און קוקט זיך איין, "וואס איז דער שווארצער פינטל?" פרעגט ער מיט א אנגעצויגענער געזיכט. דער סוחר גיט דאס א בלאז אראפ, "דאס איז געווען סתם א שמוץ" בארואיגט ער אים. "און וואס איז דער פלעק דא?" פרעגט ער ווייטער, "דאס רופט זיך א בלאט פלאק. להלכה איז דאס נישט קיין פראבלעם!" באקומט ער דעם תשובה. "דעמאלטס ווייז מיר א אנדערן אתרוג, איך וויל א אתרוג וואס איז ריינער" טויטש ער זיין מיינונג.

דאס הייסט אז דער יונגערמאן ווייסט בכלל נישט וואס ער וויל און וואס ער ברויך זוכן. ער קען זיך ארומדרייען א האלבע שעה און גארנישט טרעפן, פשוט ווייל ער ווייסט נישט וואס צו זוכן. יעדער איד וואס זוכט שוין עטליכע יאר ד' מינים, ווייסט שוין בערך וויפיל ער איז גרייט צו צאלן פאר דעם סעט, און ווייסט בערך וואס ער וויל. ער פארשטייט אז טראץ וואס זיין טרוים איז צו האבן דעם שענסטן אתרוג פאר דעם ביליגסטן פרייז, שטימט דאס אבער נישט מיט דעם רעאליטעט, און ער האט שוין א מהלך וואו ער שניידט און אויף וואס ער פארקוקט. אין אזא פאל וועט דאס קלויבן די ד' מינים זיך נישט פארציען פאר קיין לאנגער ווייל.

צוליב דעם איז וויכטיג איבערצוגיין אין קורצן די הלכות און פראקטישע טיילן פון זוכן ד' מינים, און דאס מסדר זיין אויף א אופן אז דער יונגערמאן זאל וויסן גענוי וואס מ'ברויך צו זוכן ביים קויפן ד' מינים, וואס זענען הלכות, חומרות, מנהגים, וואס זענען טעותים אדער גאר דמיונות ביי מענטשן.

### אויף וואס איז טאקע ענדערש מקפיד צו זיין, אויף 'ריינקייט' אדער א 'שיינער גידול'?

דער ענין פון 'הדר' ביי א אתרוג, האבן די פוסקים מגדיר געווען, אז נישט וואס ביי דעם מענטש הייסט 'שיין' מיינט 'הדר', נאר חכמינו ז"ל האבן

אראפגעשטעלט דעם גדר פון הדר, און זיי האבן געשריבן געווי אלע הלכות ווען דאס איז כשר און מהודר, וואס דאן הייסט דאס הדר. קומט אויס אז איינמאל דער אתרוג קומט נאך די הלכות פון טור ושולחן ערוך, וואס כמעט אלע אתרוגים וואס ליגן ביים אתרוג סוחר גייען אריין אין דעם כלל, האט מען שוין אויך מקיים געווען דעם הדר פון די תורה. פון דא און ווייטער קען יעדער מחליט זיין לויט זיינע הרגישים וואס ער וויל, צי דער גידול אדער נאך מער ריין, טראָץ וואס להלכה איז דאס שוין גוט.

[עס איז דא א סברא אז פאר א יונגערמאן, ווי נאר ער קומט נאך אלע הלכה'דיגע גדרים פון הדר, זאל ער ליבערשט קוקן אויף דעם געשטעל, ווייל פיל מאל ווערט אים באדערן דורכאויס דעם יום טוב דעם געשטעל, דאקעגן דאס ריינקייט ווערט ער נישט קוקן דורכאויס יום טוב.]

## וואס גייט אריין אין דעם גדר פון 'נראה לעינים'?


נראה לרוב בני אדם בהשקפה ראשונה

עס איז פאראן א גרויסער טעות ביי מענטשן אז נראה לעינים מיינט אז מ'ברויך צולייגן דעם אתרוג ביז די אויגן, און זיך גוט מעיין זיין אויב מ'זעט סיי וואספארא פלעק. דאס איז אבער אויסדריקליך נישט ריכטיג! לאמיר אראפברענגען און זען וויאזוי דער שולחן ערוך הרב (סימן תרמח, סעיף כב) איז מגדיר דעם ענין פון נראה לעינים: "והוא שיהיה נראין לעין **כשאוחזו בידו** ולא שיהא צריך להשים עין עיונו עליהם עד שיראם, וכן כל שינוי מראה אינו פוסל אלא אם כן **נראה לרוב בני אדם בהשקפה ראשונה**". דאס איז שטארק געבויעט אויף די יסודות פון דעם תשובה אין מבי"ט (חלק ג, סימן מט), וועלכער שטעלט אראפ דעם הגדרה וואס עס מיינט נראה לעינים, און שרייבט אז צוליב וואס מענטשן זענען מחמיר מער ווי דער דין, מ'לאזט איבער כשר'ע אתרוגים צוליב וואס מ'וויל דוקא יוצא זיין מיט דעם מערסט מהודר'דיגער אתרוג פון שטאט, גייט דער פרייז פון די אתרוגים ארויף.


דאס קוקן מיט א פארגרעסערונג גלאז האט נישט קיין שום פירוש על פי הלכה...

דאס איז טאקע געווען דער מהלך וויאזוי מורי הוראות אינעם פריערדיגן דור פלעגן באקוקן אתרוגים. זיי פלעגן האלטן דעם אתרוג אין די האנט אפגערוקט פון דעם אויג, און דאס ארומגעדרייט צוויי מאל, אויב האבן זיי נישט געזען קיין פלעקן האבן זיי דאס מכשיר געווען. דאס קוקן מיט א פארגרעסערונג גלאז האט נישט קיין שום פירוש על פי הלכה, דאס וואס מורי הוראות קוקן יא טיילמאל מיט א גלאז, איז בעיקר צו זען אויב דאס איז 'חסר', וואס אפילו א נקב כל שהוא איז שוין פסול, אויב פעלט א משהו. אדער אויב וויל מען דער רב זאל אויסוועלן צווישן צוויי אתרוגים וועלכער פון זיי איז מער מהודר, טראָץ וואס כמעט אין יעדן פאל זענען ביידע כשר, וועט ער אויך מעיין זיין אויף די אתרוגים. אדער צומאל קוקט מען אויב א פינטל וואס איז נראה לעינים איז א מראה פסול אדער נישט.

## וואס זענען די הלכות פון א 'שווארצע פינטל' אדער א אנדערע 'מראה פסול'?

אין שולחן ערוך ווערט מבואר אז א חזזית אדער סיי וואספארא מראה פסול פסל'ט דעם אתרוג בלויז אויב איז דער פלעק אויסגעשפרייט אויף רוב פון דעם אתרוג, אדער אויב איז דאס אויף 2-3 פלעצער.

עס איז דא צוויי דיעות אין שולחן ערוך אויב ווען דער מראה איז אויסגעשפרייט אויף 2-3 פלעצער ברויך דאס אויך זיין רוב, לכתחילה איז מען מחמיר אז אפילו אויב דאס איז נישט רוב איז דאס פסול, אויב איז פאראן א שטח צווישן די צוויי פלעקן אזוי גרויס ווי דער פלעק זעלבסט. אויב האט מען נישט קיין צווייטער אתרוג קען מען זיך סומך זיין אויף דעם דיעה אז ס'איז פסול בלויז אויב איז דאס רוב. די פוסקים שרייבן דעם מהלך וויאזוי צו רעכענען רוב, אז אויב זאל מען ציען א בענדל פון איין פלעק צו דעם אנדערן ווען דאס איבערדעקן רוב פונעם אתרוג, אפילו אויב דער שטח אינצווישן איז ריין, הייסט דאס רוב, און פסל'ט לכולי עלמא.


אויב געפינט זיך דער מראה פסול 'למעלה מחוטמו' איז דאס פסול

אויב געפינט זיך דער מראה פסול 'למעלה מחוטמו', דאן איז דאס פסול אפילו במשהו, אויב איז דאס נראה לעינים.

מען ברויך באזונדער קוקן אונטן פונעם אתרוג נאנט צום עוקץ, וואס דארט איז א קליינער שטח, אויב איז דארט די פלעקן אויסגעשפרייט אויף רוב פונעם היקף האתרוג איז דאס אויך פסול. עס זענען אבער פאראן פוסקים וואס זענען מקיל אויב איז דאס ביים עוקץ.

## וואס איז דער הלכה פון א 'בלאט פלעק'?

דער רמ"א פסק'נט אז א בלאט פלעק וואס שפירט זיך נישט העכער פון דעם אתרוג איז כשר. בשעת הדחק זענען געוויסע פוסקים מקיל אפילו אויב שפירט זיך דאס יא העכער פון דעם אתרוג, לויט דעם אנדערן טעם וואס דער רמ"א ברענגט אז א בלאט פלעק איז דער זעלבער ווי דער מראה האתרוג. אויב האט מען בלויז א אתרוג מיט אזא סארט בלאט פלעק זאל מען דאס ווייזן פאר א מורה הוראה.

פונדעסוועגן איז דא א מקום מחמיר צו זיין אויף א בלאט פלעק העכער דעם חוטם, כאטש וואס מעיקר הלכה איז דאס כשר. ווי דער חיי אדם (סימן קנא, סעיף ח) שרייבט בשם דעם מהרש"ל "המורים רבים והיודעים מועטים, וגם התרומת הדשן הניח דין זה בצריך עיון, ולכן הירא דבר ד' ישתדל לקנות אתרוג בלא חזזית ובהרת". אזוי אויך דער פרי מגדים (אשל אברהם, סוף סימן תרמח) שרייבט אז ער האט נישט קיין קבלה אויף דעם, און פירט אויס "ואשרי מי שיוכל ליקח אתרוג נאה הדר ונקי מכל". דאס איז נאר למעלה מחוטמו, אבער אויף דעם אונטערשטער טייל פון דעם אתרוג איז דאס אודאי נישט הארבער ווי א מראה פסול, וואס איז נאר פסול אויב איז דאס אויף רוב אדער אויף עטליכע פלעצער.

## וואס איז דער גדר פון 'למעלה מחוטמו'?


אין פאל די צוויי זייטן פונעם אתרוג זענען נישט איינע

אין שולחן ערוך ווערט מבואר אז פון דארט ווי עס הייבט אן ווערן מער 'קורץ' און שפיציג' גייט אריין בגדר למעלה מחוטמו. דער משנה ברורה שרייבט אז דער אונטערשטער טייל פון דעם אתרוג איז אלענפאלס נישט בגדר 'חוטם', אפילו דער שמאלקייט הייבט זיך שוין אן דארט.

אין פאל די צוויי זייטן פונעם אתרוג זענען נישט איינציג, נאר איין זייט הייבט אן שיף ווערן ביי א העכערער שטאפל אין דעם אתרוג, קען מען זיך מקיל זיין אז ביי יענער זייט ווערט גערופן

למעלה מחוטמו בלויז פון וואו עס הייבט זיך אן דער שיפקייט אויף יענעם זייט. דאס איז אבער בלויז אויב דאס נישט ביי א הויכער פלאץ נאנט צום שפיץ, וואס דאן לויט געוויסע פוסקים הייסט שוין בכל אופן למעלה מחוטמו, אפילו אויב איז דארט נאכנישט שיף.

אויב טרעפט מען א פלעק אויף דעם פיטם אדער עוקץ איז דאס פילפאכיג גרינגער, מ'קען זיך מער מקיל זיין, בפרט אויב בלייבט איבער א משהו פון דעם פיטם נאנט צום אתרוג וואס איז ריין.

## וועלכע קאלירן גייען אריין אין גדר פון 'מראה פסול'?

שווארץ אדער ווייס זענען זיכער מראות פסולות. עס זענען פאראן פוסקים וואס מאכן א חילוק ווי שטארק דער ווייסקייט איז, אבער מ'פירט זיך מחמיר צו זיין ביי יעדן ווייסער קאליר, בפרט דעם ערשטן טאג יום טוב. לגבי רויט שרייבט דער פרי מגדים א חילוק, אויב איז דאס טונקל רויט איז דאס א מראה פסול, אבער ליכטיג רויט איז יא כשר.

ברוין ווענדט זיך אויך אויב דאס איז טונקל ברוין, אזוי ווי קאווע בונדלעך, וואס דאן איז דאס פסול, אדער ליכטיג, מער צו געל, וואס דאן איז דאס יא כשר. די זעלבע איז ביי בלוי, טונקל איז מען מחמיר און ליכטיג איז מען מקיל.

## איז דא א קפידא אז א אתרוג זאל זיין דוקא 'געל'?

צווישן די גרינע און געלע אתרוגים וואס קומען אן צו אונזערע סוחרים, איז מעיקר הלכה נישט פאראן קיין שום חילוק אדער קפידא להלכה. דאס איז וויבאלד די אלע אתרוגים זענען פון די סארט וואס ווערן צום סוף געל, נאר זענען פשוט נאכנישט געצייטיגט געווארן. אין רוב פעלער זענען דאס אתרוגים פון דעם דריטן שניט, וואס איז דער לעצטער שניט איידער יום טוב, און צוליב דעם איז דאס גרין. [צו פארשטיין בעסער, רוב גרינצייג אדער פרוכט ווערן אימפארטירט פון פארשידענע ערטער איבער דעם וועלט, און וויבאלד דאס נעמט צייט ביז דאס קומט אן צום פארקויפן, שניידט מען דאס אפ ווען דאס איז נאכנישט רייף, אזוי אז דאס זאל נישט פארשימעלט ווערן אויף די וועגן. די זעלבע איז ביי אתרוגים, אבער די וועלכע ווערן געשניטן ביים ערשטן שניט, זענען שוין געווענליך געצייטיגט ווען זיי ווערן פארקויפט, און האבן דעם געלן קאליר. די פונעם צווייטן שניט זענען טיילווייז גרין, און פונעם דריטן שניט זענען מערסטנס טייל גרין.]


כאטש וואס אין שולחן ערוך שטייט אז אפילו אויב דער אתרוג איז גענצליך גרין איז דאס כשר... שרייבן אבער די פוסקים אז מ'זאל יא מקפיד זיין עס זאל זיין אביסל געל

כאטש וואס אין שולחן ערוך שטייט אז אפילו אויב דער אתרוג איז גענצליך גרין איז דאס כשר, וויבאלד אויב מען וועט דאס לאזן שטיין וועט דאס ווערן געל, שרייבן אבער די פוסקים אז מ'זאל יא מקפיד זיין עס זאל זיין אביסל געל, וויבאלד מ'דארף חייש זיין אז אפשר וועט דאס למעשה יא בלייבן גרין, אבער אויב האט דאס שוין אביסל געל דאן ווייסט מען זיכער אז דאס וועט צום סוף ווערן געל.

עס זענען דא פוסקים וואס שרייבן אז מ'זאל לכתחילה חייש זיין צום שיטת הב"ח וואס האלט אז גרין איז א מראה פסול, און עס פסל'ט אפילו במשהו. אבער די וועלט פירט זיך נישט מחמיר צו זיין צו די פוסקים, און מ'נעמט לכתחילה אתרוגים וואס זענען גרין, אויב האט דאס א צייכן פון געלקייט אויף זיך.

## וואס איז דער הלכה אויב דער 'פיטם' פונעם אתרוג איז אראפגעפאלן?

על פי הלכה, א אתרוג וואס דער פיטם פאלט אראפ ווען עס געפינט זיך נאך אויפן בוים, איז נישט פאראן קיין שום פראבלעם, און איז כשר לכתחילה. אבער אויב איז דאס אראפגעפאלן נאכן אראפשניידן פון בוים, דאן ווענדט זיך, אויב איז דער גאנצער פיטם - ביז די פלייש פונעם אתרוג - אראפגעפאלן, דאן איז דאס זיכער פסול. אויב איז אבער איבערגעבליבן א משהו פון דעם 'דד' העכער דעם אתרוג, און כל שכן אויב איז בלויז דער שושנתא אראפגעפאלן, דאן איז דאס יא כשר. אבער למעשה שרייבט דער רמ"א אז אפילו אויב איז בלויז דער שושנתא אראפגעפאלן זאל מען מחמיר זיין, אויב קען מען זאל מען נעמען א צווייטער מער מהודר'דיגער אתרוג.



דער וועג וויאזוי צו זען אויב דאס איז אראפגעפאלן נאך זייענדיג אויפן בוים, איז צו בודק זיין אויב דאס האט קליין גריבל ביי דעם פלאץ וואו דער פיטם איז געווען, וואס דאן איז דאס א סימן אז דאס איז אראפגעפאלן נאך זייענדיג מחובר. עס איז פאראן נאך א סימן וויאזוי צו זען אויב איז דאס אראפגעפאלן שוין זייענדיג תלוש, וואס דער סימן איז נישט געווען אקטועל ביי די אמאליגע אתרוגים. א אתרוג וואס דער פיטם ווערט אראפגעבראכן בתלוש, וועט דער פלאץ פון דעם פיטם ברוין ווערן, וויבאלד ביי די היינטיגע אתרוגים איז דער 'דד' א טייל פון דעם פלייש פונעם אתרוג ממש, און דאס ווערט ברוין אויב מ'ברעכט דאס אראפ. צוליב דעם קען מען היינט מכשיר זיין די אתרוגים אן א פיטם, אפילו אויב זאל דאס נישט האבן דעם סימן פון א גריבל.

אויב איז דער עוקץ אראפגעקומען איז דאס אויך פסול, אבער אויב איז געבליבן באדעקט דעם פלאץ וואו דער עוקץ איז געווען, און דער גאנצער גריבל איז געבליבן פיל, דאן איז דאס יא כשר.

# לולב

## וואס איז דער הלכה אויב דער מיטלסטער בלעטל איז צוטיילט?


דער וועג וויאזוי צו זען וועלכער איז דער מיטלסטער בלעטל, איז צו גיין צום שדרה און ארויפפארן מיט'ן פינגער ביז אויבן.

כאטש וואס מעיקר הלכה נעמט מען אן אז אויב איז דער מיטלסטער בלעטל איז צוטיילט איז דאס נישט פסול אויב איז דאס נישט רוב, שרייבט אבער דער רמ"א אז מ'זאל לכתחילה מחמיר זיין צו נעמען א לולב וואס איז גארנישט צוטיילט. דער וועג וויאזוי צו זען וועלכער איז דער מיטלסטער בלעטל, איז צו גיין צום שדרה און ארויפפארן מיט'ן פינגער ביז אויבן.

אויב האט דער לולב צוויי מיטלסטע בלעטער - וואס דאן איז דער לולב כשר - דארפן ביידע בלעטער זיין גאנץ ביז אויבן.

א לולב וואס איז צוטיילט ווי א 'הימנק', דאס הייסט אז ביידע שפיצן גייען אין א אנדערע ריכטונג, דאן איז דאס יא כשר, און לויט געוויסע

פוסקים אפילו אויב איז דאס צוטיילט בלויז א משהו. אויב זעט מען אז דאס איז צוטיילט איז ראטזאם מ'זאל דאס ציינן פאר א מורה הוראה.

## פארטריקענטע לולבים

אויב איז דער שדרה אדער רוב בלעטער פון דעם לולב פארטריקענט געווארן דאן איז דאס פסול. אסאך פוסקים נעמען אן אז אפילו אויב בלויז דער שפיץ פונעם מיטלסטער בלעטל איז פארטריקנט געווארן איז דאס פסול. דאס איז אבער נאר אויב איז דאס פארטריקנט, אבער אויב איז דאס בלויז ברוין פון דעם זון, דאן איז דאס נישט קיין פראבלעם.

## אויב איז דער שפיץ אפגעהאקט

א לולב וואס דער שפיץ איז אפגעהאקט איז פסול אפילו אויב איז דאס בלויז א כל שהוא. דאס איז אבער דוקא אויב דער שפיץ פונעם בלעטל זעלבסט איז אפגעהאקט, אבער אויב איז פאראן א דינע שפיץ וואס קומט ארויס נאכן בלעטל, וואס קען זיך מאכן ביי מאך לולבים, דאן איז דאס נישט קיין פראבלעם.

א לולב וואס האט צוויי שפיצן, אפילו אויב איז איינס פון זיי אפגעהאקט, אויב איז דער אנדערער גאנץ איז דאס כשר.

## א געבויגענער לולב

א לולב וואס דער שדרה גייט געבויגן איז פסול. דאס איז אבער בלויז אויב איז דאס שטארק געבויגן, אבער אביסל איז נישט קיין פראבלעם.

אויב איז דער שדרה גראד, אבער די בלעטער זענען ביים שפיץ געבויגן, וואס רופט זיך 'קנאפ לולב', איז דאס נישט קיין פראבלעם, נאר אדרבה, דער רא"ש האט מהדר געווען צו נעמען אזא לולב, און אסאך פוסקים ברענגן דאס אראפ למעשה, וויבאלד אזוי איז מען זיכער אז די תיומות זענען נישט צוטיילט. עס זענען טאקע פאראן מקומות וואו מ'פירט זיך מהדר צו זיין צו נעמען דוקא א קנאפ לולב.

## לולבים מיט 'מאך' [קארע]

מאך ביי א לולב איז נישט קיין שום פראבלעם, און מ'דארף נישט חושש זיין אז אונטער דעם מאך איז צוטיילט די בלעטער. אין אסאך מקומות איז מען מהדר צו נעמען דוקא א לולב מיט מאך. עס איז ראטזאם צו וואקנעמען אביסל פון די מאך ביי די זייטן, כדי מ'זאל קענען מיט דעם שאקלען, אבער נישט פון צווישן די בלעטער. אום יום טוב איז אסור אוועקצונעמען דעם מאך אלס מתקן מנא.

# הדסים

א הדס דארף דער האלץ זיין באדעקט, ווי חכמינו ז"ל דרש'נען 'ענף עץ עבות', דאס הייסט נישט באדעקט נאר אויב איז דא דריי בלעטער אויף יעדן שורה. דאס דארף זיין אין א גלייכער שורה, אבער אויב איז איין בלעטל העכער דעם אנדערן, דאן איז דאס א הדס שוטה וואס איז פסול מקיים צו זיין דעם מצוה.

לכתחילה דארף דער גאנצער הדס זיין משולש, יעדן שורה זאל האבן דריי בלעטער אין א גראדע שורה. אבער אויב האט מען נישט צו הדס וואס דער גאנצער איז משולש, דאן איז גענוג אפילו אויב רוב איז משולש. דאס איז אפילו אויב דער אויבערשטער טייל פונעם הדס איז נישט משולש, וויל אגנ ס'איז דא רוב פונעם הדס משולש. [לויט געוויסע פוסקים איז דאס כשר אפי' אויב דער שיעור פון רוב איז נישט צוזאמען אויף איין פלאץ, נאר אויסגעשפרייט דורכאויס דעם הדס].


לכתחילה דארף דער גאנצער הדס זיין משולש, יעדן שורה זאל האבן דריי בלעטער אין א גראדע שורה

ס'איז וויכטיג אנצומערקן אז דער דין אז דאס ברויך זיין באדעקט, מיינט נישט אז דער גאנצער הדס דארף זיין באדעקט, נאר בלויז דער שיעור פון דריי טפחים. עס מאכט זיך אסאך אז אונטן פון דעם הדס פעלן בלעטער, אבער אויב איז דא א שיעור פון דריי טפחים אן יענע שורות, דאן איז דאס גוט אפילו לכתחילה.

דער חזון איש שרייבט א גרינגער מהלך וויאזוי צו זען צו זענען די בלעטער זענען אויף איין שורה. דער שורש פון א בלעטל פארנעמט דאך א געוויסער שטח אויפן האלץ, איז אויב אפילו בלויז דער אנהויב פון דעם שורש פון דעם בלעטל הייבט זיך אן אן ביים ענדע פון דעם אנדערן שורש הייסט דאס אויך בשורה אחת.

## אויב זענען די בלעטער אראפגעפאלן

אויב איז דער הדס געווען אינגאנצן אדער רוב משולש, און נאכדעם איז אראפגעפאלן א טייל פון די בלעטער, אויב איז איבערגעבליבן רוב שורות באדעקט מיט כאטש צוויי בלעטער, דאן איז דאס כשר, אפילו אויב אין אפאר שורות איז נישט געבליבן אפילו איין בלעטל.

## וואס מיינט באדעקט?



דער האלץ פון דעם הדס דארף זיין אינגאנצן באדעקט מיט די בלעטער, לכתחילה דארף דאס זיין אז דער שפיץ פון איין שורה זאל אנרירן דעם שורש פון דעם אנדערן שורה.

עס איז אבער נישט פאראן קיין קפידא אז די שפיצן פון די בלעטער זאלן ליגן ממש גראד אויפן האלץ, נאר מען מעגן זיך ארויסשטעקן פון די זייטן.

## גרויסע בלעטער

לויט טייל פוסקים איז דא א פראבלעם צו נעמען א הדס וואס די בלעטער זענען גרויס, גרעסער ווי דעם צווייטן ביין פון דעם אגודל. צוליב דעם זענען אסאך מקפיד צו נעמען די 'צפת הדסים' וואס זענען באקאנט מיט די קליינע בלעטער.

# ערבות

אויב זענען רוב בלעטער פון דעם ערבה אראפגעפאלן איז דאס פסול, אבער אויב נאר א טייל, איז דאס יא כשר, לכתחילה זאל מען מהדר זיין אויף א ערבה וואס פעלט נישט קיין איין בלעטל.

אויב זענען רוב בלעטער פארטרוקענט געווארן, אזוי אז דאס איז ווייס געווארן, איז דאס פסול. אבער אויב איז געבליבן רוב פריש, איז דאס יא כשר. עס איז אלענפלאס ראטזאם צו טוישן די ערבות, כאטש איינמאל דורכאויס דעם יום טוב, און האבן פרישע שיינע ערבות.

# סוחרי אתרוגים

שיש להם הכשר "בי"ד המיוחד לעניני כשרות" לחג הסוכות תשע"ח לפ"ק

ר' **אברהם יצחק פלאהר** נ"י

בני וחתני הרב ר' **אברהם לויפער** שליט"א - הרב מדאראג

- הר"ר **זלמן לויפער** נ"י
- הר"ר **יואל** ברא"צ **הלוי יאזשעף** נ"י
- הר"ר **שמעון יעקב משה עהרנרייך** נ"י

הר"ר **אלי' הערשקאוויטש** נ"י (יופי)

ר' **אליעזר ראדאל** נ"י

הר"ר **דוד שלעזינגער** נ"י (רק אתרוגי מאראקא)

הרב ר' **דוד שלמה עקשטיין** שליט"א - ושותפו ר' **יואל לעווי** נ"י

ר' **הערשל מאנן** נ"י

ר' **זושא פריעדמאן** נ"י

ר' **חיים דהאן** נ"י

הרב ר' **יחזקאל הורוויץ** שליט"א - האדמו"ר מבייטש

- הר"ר **דוד יצחק וויינבערגער** נ"י
- ר' **יהושע ור' שלמה ווידער** נ"י
- הר"ר **מנחם מענדל פאנעט** נ"י

הרב ר' **יוסף צבי לויפער** שליט"א והמשפחה

ר' **יעקב דוד** ואחיו ר' **שמואל זלמן פריעדמאן** נ"י

הר"ר **יעקב יצחק קארפען** נ"י

הרב ר' **ישראל הכהן שווארץ** שליט"א

ר' **לוי זרחי** נ"י

הרב **מימון באדוש** נ"י (פלעטבוש)

הר"ר **מענדל גאלדשטיין** נ"י

ר' **שלמה חדאד** נ"י

ר' **שמעון באדוש** נ"י

### מאנטרעאל

הר"ר **משה בעריש לויפער** נ"י (בן הרב מדאראג)

ר' **משה מאשהאד** נ"י (גן עדן)

ר' **שלמה בן ששון** נ"י

### אויסלאנד

ר' **יוחנן שטראה** נ"י - לאנדאן

הר"ר **שמואל ארי' הורוויץ** נ"י (בן אדמו"ר מבייטש) - לאנדאן

הרב ר' **פנחס גערסטל** נ"י - פאריז

# פראקטישע אנווייזונגען

## וויאזוי צו האלטן די ד' מינים

### אתרוג

דער אתרוג איז זייער וויכטיג דאס זאל זיין איינגעפאקט אין פאפיר, אדער אין פלעסטיק, אדער וואטע. פון די בעסטע און מערסט פראקטישע מהלכים איז דאס אריינצולייגן אין א פלעסטיק בעג, מיט א קליין לעכל, אויף דעם אופן האלט זיך דאס זייער פריש, און איז גרינג אריינצולייגן און ארויסנעמען דורכאויס די יום טוב טעג.

מען זאל בשום אופן נישט אריינלייגן דעם אתרוג אין פרידשעדער, ווייל דאס וועט מאכן דעם אתרוג פארפלעקט און נישט ראוי צום נוצן.

### לולב

מ'דארף זיין זייער געווארנט צו אכט געבן אויף דעם שפיץ פון דעם לולב, סיי ביים שאקלען עס זאל נישט אריינהאקן אין א וואנט אדער אין דאך, און סיי ביים דאס אריינלייגן אין דעם האלטער, עס זאל זיך נישט פארכאפן ביים צומאכן, וויבאלד אויב ווערט דער שפיץ אפגעהאקט איז דאס פסול במשהו.

### הדסים און ערבות

עס איז וויכטיג צו האלטן פריש די הדסים און ערבות דאס זאל נישט פארטריקנט ווערן. עס זענען פאראן פארשידענע פאטענטן וויאזוי דאס צו האלטן פריש, אבער פילע שטרענגן זיך אן מער ווי עס פעלט אויס. דאס נאס מאכן פאפיר אדער א האנטוך און אין דעם איינוויקלען די מינים דורכאויס גאנץ יום טוב איז געוועצליך איבריג. די היינטיגע ד' מינים האלטערס קומען גוט געסיעלט, אויב האלט מען דאס שטענדיג גוט איינגעפאקט אין דעם האלטער ווערט דאס נישט פארשימעלט. די ערבות ווערן ממילא אויס פריש אינמיטן יום טוב, און כמעט גאנץ כלל ישראל טוישט דאס כאטש איינס אדער צוויי מאל אינמיטן יום טוב.



בעזהש"ת

# התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

Kashrus Division

בי"ד המיוחד לעניני כשרות

הרב יחיאל יצחק סג"ל גליק
מנהל כללי וספרא דדיינא

חברי הבי"ד
הרהגה"צ רבי אברהם יהושע העשיל ביק שליט"א
האבד"ק מעזיבוז
הרהגה"צ רבי הילל וויינבערגער שליט"א
האבד"ק סערדאהעלי - דומ"ץ נייטרא
הרהגה"צ רבי יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין שליט"א
האבד"ק גאלאנטא

## השגחת הבי"ד על אתרוגי "יאנאווע - ומאראקא"

### לחג הסוכות שנת תשע"ח לפ"ק

השתא קיץ שנת תשע"ז לפ"ק, ביקרו במדינת **איטאליע** מחוז קאלאבריע, הגה"צ רבי הילל וויינבערגער שליט"א, אבדק"ק **סערדאהעלי**, דומ"ץ **נייטרא**, חבר בי"ד המיוחד לעניני כשרות, ואתו עמו ראש המשגיחים הרב ר' חנני' יו"ט **ליפא** סג"ל קליין שליט"א, ובמשך כמה ימים הלכו משדה אל שדה לרעות בגנים לבדוק במו עיניהם גני האתרוגים, ולוודא חזקת כשרותם, ונוכחו לדעת כי ההשגחה הוא הכרחית וצורך גדול, בראותם כמה וכמה גנות ופרדסים שיש בהם אילנות מורכבים, ועליהם אתרוגים יפים במראיתם אבל פסולים למצוה, והתברר בבירור כי בקל יכולים להיכשל בלקיחת אתרוגים מורכבים ר"ל, ובפנינו העידו אנשים נאמנים על סוחרים חרדים מפה ניו יארק אשר אתרוגיהם נקטפו בלי השגחה שלקחו -בלא יודעים- כמות גדולה מאתרוגים מורכבים.

ב"ה שעלתה בידינו להעמיד ולחזק ההשגחה, עם כמה תיקונים חדשים, בתוספות מרובה על סדר ההשגחה עד עכשיו, ושלחנו לשם משגיחים חרוצים, יראי ה' בקיאים ומומחים במלאכתם מלאכת הקודש, שעשאו את שליחותם במסירות נאמנה, למלא את הוראותינו לכל פרטיהן ודקדוקיהן, וכל אתרוג ואתרוג נקטף בנוכחות המשגיח, רק לאחר שבדק במו ידיו וראה בעיניו בעיון הדק היטב את האילן שרשיו וענפיו, ע"פ סימנים מובהקים הידועים לנו, וכפי שמסרו חקלאים שהתמחו במקצוע זה.

כמו כן ביקרו הנ"ל השנה במדינת **מאראקא**, וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני', לתקן גם שם השגחה על האתרוגים הנקטפים שם למצות ד' מינים.

ומכאן הקריאה יוצאת לאחב"י הרוצים לקיים מצות ארבעת המינים כתיקונם, שיהא לכם נכון ובטוח שמברך על אתרוג שאינו מורכב, שיזהרו לקנות אתרוגי **'יאנעווע'**, ואתרוגי **'מאראקא'** רק מאלו שנלקטו בהשגחה מעולה, וכמבואר בישועות יעקב [בתשו' שבסו"ס תרמ"ח], וז"ל: ישראל קדושים ונהגו איסור שלא ליקח אתרוג מבלי הכשר מבד"צ ואין ראוי להתיר רק בשעת הדחק עכ"ל.

יום ד' לסדר כי תבא, ט"ו לחודש אלול תשע"ז לפ"ק.

בברכת כתיבה וחתימה טובה, וחגים וזמנים לששון.

בי"ד המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

נאום: **אברהם יהושע העשל ביק**
אבד"ק **מעזיבוז**

נאום: **הילל וויינבערגער**
אבד"ק **סערדאהעלי** – דומ"ץ **נייטרא**

נאום: **יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין**
אבד"ק **גאלאנטא**

The seal of uncompromising Kashrus

Division Avenue Brooklyn, NY 11211

Tel: 718.384.6765 | Fax: 718.486.5574



# התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA

Kashrus Division

בי"ד המיוחד לעניני כשרות

## כשרות אתרוגי מאראקא בלי פטמאות

בישיבת הבי"ד שהתקיימה היום, נו"נ אודות אתרוגי מאראקא שיש הרבה שאין עליהם פטמאות, והוחלט להודיע בשער בת רבים שאין בהם שום חשש וריעותא, משום שהפטמאות נפלו מהאתרוגים בעודם על האילן כשהם קטנים מאוד, וגדלו כך אח"ז, וזה דרך ברייתן וגידולן מאז ומקדם כפי שנוכחנו בזה הרבה פעמים, וראויים הם לברכה לכתחלה בלא פקפוק, כמבואר ברמ"א סי' תרמ"ח ס"ז בשם הרא"ש.

ג' נצו"י, כ"ג לחודש אלול תשס"ה לפ"ק.

נאום: **אברהם יהושע העשל ביק**
אבד"ק **מעזיבוז**

נאום: **הילל וויינבערגער**
אבד"ק **סערדאהעלי** – דומ"ץ **נייטרא**

נאום: **יצחק אייזיק מנחם אייכענשטיין**
אבד"ק **גאלאנטא**


## מחלקת הכשרות

שע"י התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

**CENTRAL RABBINICAL CONGRESS**

OF USA AND CANADA

**85 Division Ave.** Brookln, NY 11249

**Tel.** 718.384.6765 **Fax.** 718.486.5574



## מערכת גליון "הכשרות"

**Tel.** 718.412.8532 **Fax.** 718.486.5574

**Email.** hakashrus@gmail.com


Hamechon 718.873.5058